גליון
# חיים נצחיים
א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון **21** | פרשת **משפטים - שקלים** תש"פ


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# דער וועלט איז נישט הפקר!

ארויסגענומען פון ליקו"ה גניבה ה"ג, וה"ד

פאַרוואָס ווערט ר' שלמה דערשראָקן אַרויסקוקנדיג פון פענסטער? | איז ווירקליך מעגליך אַז אַ מצוה פון אַ איד זאָל פאַרפאַלן גיין צו די סטרא אחרא ח"ו?

פרי-פארטאגס. ר' שלמה וועקט זיך אויף און ציהט אויס זיינע איינגעבויגענע ביינער, ער ריקט אוועק די פארהאנג, ער בליקט ארויס פון פענסטער ווען פלוצלינג... א הילכיגער קוויטש רייסט זיך ארויס פון זיין האלז. די גאנצע געזינדל קומט גלייך צולויפן גראד פון בעט ארויס, וועלנדיג זען וואס אזוי שרעקליכס האט דא געקענט פאסירן. זעענדיג דעם טאטנ'ס אויגן אנגעשפיצט אין ריכטונג פונעם פענסטער האבן זיי אויך געווענדן זייערע בליקן אהין און עס ווערט זיי פינסטער פאר די אויגן... די טיר פון זייער דערנעבענדיגן שטאל איז ברייט צעעפנט, און אלע אקסן און שעפעלעך פון ווי די טאטע ציהט זיין גאנצע חיונה צו שפייזן די פאמיליע, זענען נישטא, ווי זיי וואלטן פארשוואונדן געווארן צוזאמען מיט די לבנה אונטערגאנג אין די טונקלקייט פונעם נאכט. עס האט לאנג נישט געדויערט ביז זיי האבן צוזאמענגעשטעלט דאס בילד: א שוידערליכער גניבה איז דא פארגעקומען די נאכט...

תיכף ווי נאר עס איז געווארן טאג, האט ר' שלמה זיך צוזאמגעקליבן און אויפגענומען א שטאב פון ערפארענע אויספארשערס וואס זאלן עפענען א מייסטער זוך אקציע נאך די פיס טריט פונעם אומפארשעמטן גנב. נאך א צוויי-דריי וואכן וואס האבן ליבערשט אויסגעזען ווי יארן, האבן אנגעהויבן ארויפצושווימען געוויסע באווייזן און סימנים פון דעם פארשוין, און נאך א קורצע אפהאנדלונג איז פעסטגעשטעלט געווארן אז דער גנב איז נישט קיין צווייטער ווי בערקע, 'דער גאסן-יונג' ווי אלע פלעגן אים רופן. בערקע איז שוין פון לאנג געווען באוואוסט אין שטאט מיט זיינע 'מעשים טובים' אבער אויף אזוינס האט זיך קיינער נישט גערישט.

מיט גרויס 'כבוד' האט מען אים אפגענומען צום בית-דין צו הערן וואס מען האט דא צו טוהן מיט אים. נאכ'ן גוט חוקר ודורש זיין בערקע'ן איז טאקע ווירקליך אויפגעוויזן געווארן אז 'ידו במעל' אין אט די געפערליכע גניבה. בי"ד האט ארויסגעגעבן דעם פסק דין: בערקע איז מחוייב צו באצאלן סיי דער קרן, און אין צוגאב צו דעם מוז ער אויך באצאלן "כפל" - דאָפּעלט! אזויווי די תורה פארלאנגט: **אִם הִמָּצֵא תִמָּצֵא בְיָדוֹ הַגְּנֵבָה, מִשּׁוֹר עַד חֲמוֹר עַד שֶׂה חַיִּים - שְׁנַיִם יְשַׁלֵּם.**

עס איז תיכף אראפגעשיקט געווארן אפאר שליחים צו בערקע'ן אין שטוב אריין אפצונעמען די גניבה אבער ווי ערשטוינט זענען זיי געווארן אנקומענדיג אהין אז עס פעלט שוין א היפשע חלק פון די גניבה. נאך א קורצע אויספארשונג אין בי"ד איז נתברר געווארן אז בערקע האט שוין עספיעט אין די צייט אפצו'שחט'ן אפאר שעפעלעך און פארקויפן אפאר אקסן. דער פרישער פסק פון בי"ד האט נישט געשפעטיגט צו קומען: בערקע איז מחוייב צו באצאלן פיר מאל אזויפיל די ווערד פון די גע'שחט'ענע שעפעלעך און פינף מאל אזויפיל פון די פארקויפטע אקסן!

*

יא, אזוי איז עס. עס איז נישט קיין הפקר וועלט!

"סוף גנב לתליה". אויף אלעס וועט ער צום סוף דארפן אפגעבן א פונקטליכע דין וחשבון! - אויב איז דאס געזאגט געווארן אויף א גנב אינערהאלב גשמיות'דיגע אנגעלעגענהייטן, איז דאס על-אחת-כמה-וכמה געזאגט געווארן אין רוחניות אויף דעם באוואוסטן אלטער מייסטער גנב, דער יצר הרע!

> אַ יעדע דבר שבקדושה וואָס אַ איד האָט אָפגעראָכטן דורכאויס זיין לעבן, אפילו אַ נאַרישע קלייניקייט, בלייבט דאָס ביי אים, לעולם ועד!

דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (י, ח-ט): **יֵשֵׁב בְּמַאְרַב חֲצֵרִים, בַּמִּסְתָּרִים יַהֲרֹג נָקִי... יֶאֱרֹב בַּמִּסְתָּר כְּאַרְיֵה... יֶאֱרֹב לַחֲטוֹף עָנִי...** דער יצר הרע לאקערט אויף אונז, אויף אלע פראנטן, אזויווי א העכסט פארמאסקירטער גנב. - צומאל דורכ'ן זיך אריינ'גנב'ענען אין די מחשבה פון א בחור'ל אים מאכנדיג טראכטן שלעכטע מחשבות.

- צומאל טוהט ער זיך אן א מאסקע פון א צדיק איינרעדנדיג דעם מענטש פארשידענע קרומע דעות, ווי למשל: אז צו טוהן אט די ספעציפישע עבירה איז גאר א מצוה, און דערנאך וואס דער מענטש פאלט ח"ו דורך, זאגט ער אים, דו מיינסט אז דער אייבערשטער דארף דיר נאך? דער אייבערשטער וויל דיר מער נישט קענען (ח"ו), ער באקליידעט זיך ווי גלייך ער איז דער גרויסער קַנָּאִי ביז ער ווארפט אריין דעם מענטש אין חלישת הדעת אזוי אז דער מענטש האלט זיך גענצליך אפ פון צו טוהן אין 'עשה טוב', קומט אויס אז דער יצר הרע האט אים בא'גנב'עט די תורה ומצוות וואס ער וואלט געקענט אריינכאפן אין די צייט.

- ווער רעדט נאך פון דעם ווען נאכדעם וואס עס געלונגט אים אריינצוכאפן דעם מענטש אין זיין פאסטקע אים שטרויכלנדיג מיט פארשידענע געפערליכע עבירות, וואס דאן באקומט

המשך בעמוד ב'

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ וגו' עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ*** *(כג, ה)*

**שונא** פירשו רז"ל **שעבר עבירה**. וזהו **כי תראה חמור שונאך** דהיינו שתראה חבירך שעבר עבירה והגביר על עצמו **החומר** שהוא רוח הבהמיות **ורובץ תחת משאו** - של עוונותיו (ע"ש: "כמשא כבד ככבדו ממנו"), ע"ז צוותה התורה **עזוב תעזוב עמו** שמחוייב **לעזוב** לו לפרק מעליו המשא הכבד של העוונות ע"י שיחזק את חבירו וידַבר עמו ביראת שמים:

*(ליקו"ה פריקה וטעינה ה"ב)*

***אֶת חַג הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר וגו' מִמִּצְרָיִם וְלֹא יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם*** *(כג, טו)*

**מ'מצרים ו'לא י'ראו פ'ני ר'יקם** ר"ת **פורי"ם**. כי מתחילה היה כל ההתחלות מפסח, וע"כ כל המצוות הם זכר ליציאת מצרים, אבל **ועכשיו...** ופסק רביה"ק באמצע ולא סיים את דבריו (ליקו"ת ע"ד). ואמר מוהרנ"ת זצ"ל שמתוך דבריו הבנתי ש**עכשיו התחלת כל ההתחלות ליכנס בעבודת השם הוא מכח קדושת וורים! שרק על ידה יש לנו קיום וסמיכה בתוקף גלותנו המר!**

*(ליקו"ה ברכת הריח ה"ד, כ"ה)*

***לֹא אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ בְּשָׁנָה אֶחָת וגו' מְעַט מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ וגו'*** *(כג, כט)*

כי אין לנו כח לכלות ולגרש היצה"ר בבת אחת. כי כל מה שמתגבר נגדו הוא מתגבר יותר. ע"כ צריכין לגרשו **מעט מעט** ולהמשיך הקדושה מעט מעט, **"עד אשר תפרה ונחלת את הארץ"** - שנזכה לנחול את הקדושה בשלימות:

*(ליקו"ה פירות ה"ד, ז')*


ישמח לב מבקשי ה'
**שיעורי הדרכה**
**בלימוד ספה"ק ליקוטי מוהר"ן**
כללים, ואופן הלימוד
באופן השוה לכל, מקטן ועד גדול
על "מערכת ברסלב" טעלפאון ליין
**1646.585.2985#2.2.1.2**



יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: **347.974.1220** | **לקבלת הגליון באימעיל:** Cn.Breslev@gmail.com

ער נישט נאר די קרעדיט פון די עבירה, נאר לײדער געלונגט אים אוועקצורויבן און גנב'ענען די תורה ומצוות וואס דער מענטש האט געטוהן ביז דאן, אזױװי עס ווערט מבואר אין די ספרים הקדושים אז ווילאנג א מענטש איז א בעל עבירה דאן גייט זיין גאנצע תורה ומצוות גראד צו די סטרא אחרא רח"ל, זיי גנב'ענען דאס תיכף אוועק.

אבער... טייערער אידיש קינד!

- מען טאר זיך נישט דערשרעקן! דער וועלט איז נישט הפקר! ער וועט נאך אויף אלעס טייער באצאלן! אבער נאך ווי...

וויבאלד א מענטש קען גאר גרינג זיך צוריקכאפן צו די ריכטיגע רעלסן און תשובה טוהן, וואס דאן וועט נישט נאר דער יצר הרע דארפן צוריקצאלן די עצם קרן אויף די גניבה, דאס הייסט די תורה און מצוות וואס ער האט פארכאפט, נאר ער וועט נאך דארפן צולייגן כפל און צומאל נאך אפילו ד' וה' - ווענדט זיך נאר אויף ווי ווייט זיין התגברות אויפן קרבן איז געווען. ווי מער שטערקער און געמיינער די גניבה און די התגברות איז געווען, ווי מער ער האט באוויזן אראפצושלעפן דעם מענטש אין א טיפערע זומפ, אלץ טייערער וועט דאס אים אפקאסטן מיט העכערע פראצענטן.

דאס הייסט אין אנדערע ווערטער: חז"ל זאגן שוין **גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות** (יומא פו:). ווען א מענטש טוט תשובה, דאן באקומט ער צוריק נישט נאר די מצוות וואס ער האט ווירקליך געטוהן, נאר אפילו זיינע זינד וואס דאס געהערט דאך טאקע געוויס פאר'ן בעל דבר, דאס ווערט אויך צוגעלייגט צו די קאנטע פון זיינע 'מצוות' גאר! דאס הייסט, דער איד וואס האט נארוואס תשובה געטוהן האט גאר פארדינט נייע פרישע מצוות דורך דעם בעל דבר אליין!

לערן דיר אויס די כלל! עס איז נישטא קיין שום דבר שבקדושה וואס קען ווערן צוגענומען! אפילו א גוטע רצון! - סיי צו ער האט יא אנגעיאגט דאס צו מקיים זיין בפועל און סיי אויב נישט... אויף אלעס וועט מען זיך אפרעכענען און אויף אלעס וועט דער בעל דבר דארפן צוריק באצאלן בכפלי כפלים, מען קען גארנישט צונעמען פון א איד! און טאמער באווייזט ער יא עפעס צוצונעמען איז דאס נאר צייטווייליג, 'לפי שעה'.

א יעדע דבר שבקדושה וואס א איד האט אפגעראכטן דורכאויס זיין לעבן, אפילו א נארישע קלייניקייט, בלייבט דאס ביי אים, לעולם ועד, און אויב די סטרא אחרא וועט זיך דערוואגן צו פרובירן אוועקצוכאפן איין מצוה'לע אדער איין אידישע נשמה, אוי - וועט ער טייער באצאלן דערפאר! דער עיקר: לאז זיך נישט אריינפאלן אין חלישת הדעת, האלט זיך שטארק! כאפ אריין וואס דו קענסט און פארזוים זיך נישט תשובה צו טוהן, ווייל א שאד אויף די צייט! (זעה מער באריכות אין ליקו"ה תרומות ומעשרות ה"ג, ב. און אין הל' ערבית ה"ד, ל"ד.)

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# אז מיר זאגן, ווערט מקוים

די נאכט איז געווען אויסגעשפרייט איבערן גאנצן ארום, די הימל איז געווען לייכט באלאכטן פון די שטערנס וועלכע זענען געווען אויסגעשפרייט ווי צאנקעדיגע ליכט איבער א שוואצע איבערדעק, דאס מענטשהייט איז טיף פארזינקן אין זייער שלאף זיך אויסרוענדיג צום מארגענדיגן טאג. אבער ביי עטליכע אידן איז שוין יעצט געווען עטליכע שעה אריין אין זייער סדר היום. די ברסלב'ע חסידים אינעם שטאט אומאן האבן שוין יעצט געהאלטן נאכן זיך אויסגיסן דאס הארץ ביי 'תיקון חצות', און האבן זיך שוין פילייכט געגרייט אפצורעכטן א דערהויבענעם תפילת שחרית.

די שטיבל אינעם קלויז האט טיילווייז אנגעהויבן שפרודלען, עטליכע אידן זענען שוין געשטאנען אין די ווינקלען פונעם ביהמ"ד און מקיים געווען דעם "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת לפני התפילה"... די טיר האט געקריצט צו די קול ווען רבי נפתלי פון ברסלב, פון די נאנט'סטע תלמידים צום הייליגן רבי'ן, האט אריינשפאצירט ווען אונטערן ארעם האלט ער זיין טלית בייטל, זייענדיג גרייט צום דאווענען.

דא דארט הערט מען שוין אידן זיך ווארעמען מיטן "לשם יחוד" איידערן טלית לייגן, אנדערע האלטן שוין ביים זאגן די ברכות, אבער רבי נפתלי כאפט א שנעלן בליק איבער'ן שטיבל, און מערקט אז עס איז בלויז פארהאן ניין אידן צום דאווענען. עס פעלט א צענטער.

האפנדיג אז עס איז בלויז א צופאל צוליב די פריע צייט פון ותיקין אין די זוממער טעג, האבן זיך די אידן פרובירט אומוויסנדיג מאכן פונעם פאקט אז עס איז דערווייל נישטא קיין מנין און ווייטער אנגיין מיטן סדר התפילה, ארויסקוקנדיג אז איינס פון די קבועים וועלן אנקומען ביז געציילטע מינוטן.

די זייגער ווייסט אבער נישט פון קיין אפשטעל, און זי לויפט ווייטער אויף איר שטענדיגן ריטעם, א מינוט נאך א מינוט. די ביז-יעצטיגע שטאק-חושך'דיגע נאכט הייבט צוביסלעך אן צו באקומען עטוואס ליכטיגקייט פונעם זון וועלכע פלאנט זיך צו באוויזן אין געציילטע מינוט'ן אויפן האריזאנט, אבער דא שטייען די ניין אידן און ווארטן אויף מנין.

רבי נפתלי האט אנגעהויבן ווערן נערוועז, "וואס וועט דא זיין?" האט ער געטראכט צו זיך, "דער נץ החמה דערנענטערט זיך שוין אט אט, און דערווייל איז נישטא קיין זכר פון קיין מנין".

רבי נפתלי האט געווענדן זיינע טריט צום טיר וועלכע פירט צום ברייטן גאס, און כאטש ער האט געוואוסט אז די גאס איז פוסט און שטיל פון סיי וועלכע מענטשליכע באשעפעניש אין די שעות, האט ער כאטש געטון זיין חלק אין השתדלות פרובירנדיג צו טרעפן א צענטער צום מנין. אין די זעלבע צייט האבן די אידן אין ביהמ"ד געשעפשעט תפילות צום אייבערשטן אז ער זאל צושיקן א צענטן צו קענען אנגיין מיטן דאווענען, און חלילה נישט פארפאסן פון דאווענען א ותיקין מיט מנין.

ר' נפתלי האט שוין געוואלט אויפגעבן ווען מיטאמאל באוויזט זיך פון דערווייטנס די שאטן פון א מענטשליכן געזיכט. יעצט האט ער בלויז געהאפט אז דער מענטש איז א איד, ווערמען מען זאל קענען מצרף זיין צו מנין. ווען דאס געשטאלט האט זיך עטוואס דערנענטערט, איז צו ר' נפתלי'ס פרייד נישט געווען קיין ענדע, יא, עס איז א איד, פון די אומאן'ע איינוואוינער.

מיט איין אימפעט איז ער קעגן געלאפן דעם איד, און אנגעהויבן פארשטעלן ווי זיי האבן שוין ממש געהאט אויפגעגעבן פון טרעפן א צענטן, און דא האט ער די זכי' צו קענען משלים זיין צום מנין... דער איד איז אבער בכלל נישט געווען אנטציקט פון רבי נפתלי'ס בייפאל, זאגנדיג צו אים, אז ער דאווענט קיינמאל נישט אינעם ברסלב'ן קלויז, און ער וויל אויך יעצט נישט משלים זיין צו דעם מנין, ער וועט ליבערשט דאווענען שפעטער אין זיין קביעות'דיגן מנין.

אבער דאן איז אים בייגעפאלן א המצאה. דער איד האט עטוואס געוואוסט איבער די גרויסקייט פון דעם מענטש וועלכע בעהט זיך ביי אים אז ער זאל משלים זיין צום מנין, און וויסנדיג איבער די דערהויבנקייט פון רבי נפתלי'ן האט ער גענומען די קוראזש און פארגעשטעלט א מקח -

"איר ווייסט דאך", האט ער געזאגט צו רבי נפתלי, "איך בין שוין חתונה געהאט פאר פילע יארן און איך בין דערווייל נאכנישט אויפגעראכטן געווארן מיט קיין זרע של קיימא, אלזא, אויב קענט איר מיר צוזאגן קינדער, דאן בין איך גרייט משלים צו זיין צום מנין".

רבי נפתלי האט זיך געטראפן אין א שווערן פארלעגנהייט, און נאכן צווייפלען א ווילע, האט ער געשלאסן געשעפט מיט דעם איד, און אים ווירקליך צוגעזאגט אז ער וועט בקרוב אויפגעראכטן ווערן...

*

ווען עס איז אריבער א צייט אפשניט און דער איד האט דערווייל נאכנישט געזעהן קיין ישועה, האט ער געשיקט א שליח צו רבי נפתלי אנפרעגנדיג וואס טוט זיך מיטן 'געשעפט'. ווען מען איז געקומען צו אים, האט ער זיך אנגערופן צום איד:

**"מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן, מיר זאלן האלטן דאס מויל פארמאכט, מיר זאלן נישט רעדן"** - וואס ווי באקאנט האט מען זיך נישט געפירט ביים רבי'נס חדר מיט מופתים - **"אבער אז מיר זאגן, ווערט מקוים!"**.

א קורצע צייט איז אריבער און דער איד איז ווירקליך אויפגעראכטן געווארן מיט א קינד.

טייערער בחור/אינגערמאן!

מוטשעט אייך עפעס א קשיא אדער שטער אין עבודת ה'?

קול משיב לשואל - איז אייער תשובה!

לאזט איבער אייער פראגע אויף אונזער טעל. ליין ווי עס וועט געענטפערט ווערן בסיעתא דשמיא דורך איינע פון אונזערע חשוב'ע משיבים

718.362.8870

ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר בנציון קרויס הי"ו מאנסי
מוה"ר בערל באדאנצקי הי"ו מאנסי
שתרמו 1,000 גליונות
לרגל אירוסי בנו/בתו עב"ג
החתן כמר משה הי"ו
ימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

מוה"ר משה מאיר זילבערשטיין הי"ו
קרית יואל
שתרם 1,000 גליונות
לרגל הולדת הנכד אצל חתנו ר' ליפא לעווי הי"ו ותגלחת נכדו אצל חתנו ר' אברהם שמחה האלד הי"ו

מוה"ר צבי יוסף פיש הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 1,000 גליונות
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר יואל לוי ניימאן הי"ו
קרית יואל
שתרם 750 גליונות
לרגל נישואי בתו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר שמשון ווייס הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הנכד אצל חתנו מוה"ר שמעון הילל פרנס הי"ו

מוה"ר ליפא לעווי הי"ו
קרית יואל
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הבן למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר זלמן לייב ראזענבערג הי"ו
מאנסי
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

ואלו יעמדו על הברכה שתרמו למען הפצת הגליון
מו"ה שמעון הלל פרנס הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט
מו"ה יואל גאלדשטיין הי"ו
לרגל הולדת הבן למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבם לטובה